בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון



## פאר'ן שבת טיש

פרשת נצבים
כז אלול
שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 37
(52)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּעטְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

און דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ גְרוּבּ פוּן רֶעגִין וַואסֶער. און זֵיי זֶענֶען דָארְטִין גִילֶעגִין און עֶר הָאט זִי גִישְׁרָאקִין. אַז זִי זָאל נִיט שְׁרַייעֶן. כְּדֵי מֶענְשְׁן זָאלִין נִיט דֶערְהֶערִין. און עֶר הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ מִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן דַיינֶעט וֶועגִין כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ חַאפִּין. און אַז אִיךְ זָאל דִיר ווידֶער אָן וֶוערִין. אִיז מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. וָוארִין וַוייל דוּ בִּיסְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִין דִי הֶענְט. אַז אִיךְ זָאל דִיךְ ווידֶער אָן וֶוערִין. און מֶע זָאל דִיר אָפְּנֶעמֶען פוּן מִיר. אִיז שׁוֹין מַיין לֶעבִּין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. דְרוּם ווִי בַּאלְד דוּ וֶועסְט נָאר אַ גִישְׁרֵיי טָאן. וֶועל אִיךְ דִיךְ תֵּיכֶף דֶערְוַוארְגְן. און לָאז זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר טָאן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ טָאן. וָוארְן אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיי מִיר גָאר נִיט וֶוערְט. הָאט זִי מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים (כְּלוֹמַר דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז גִילֶעגְן אִין דֶעם גְרוּבּ מִיט דֶעם רוֹצֵחַ הָאט מוֹרָא גִיהַאט צוּ שְׁרַייעֶן וַוייל דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִי גִישְׁרָאקְן).

### אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֵיין שְׁרֵיי טוּן...

דֶער רוֹצֵחַ אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל דֶערְ'הַרְגֶ'ענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא, נָאר פוּן דִי אֵיינֶע זַאךְ הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא, וָואס דָאס שְׁטֶערְט אִים גֶעפֶערְלִיךְ און וָוארְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁרֶעק: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֵיין שְׁרֵיי טוּן - וֶועל אִיךְ דִיר גְלַייךְ דֶערְוֶוערְגְן!" פַארְוָואס הָאט עֶר אַזוֹי מוֹרָא פוּן דֶעם? וַוייל וֶוען אַ אִיד שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְכַאפְּט נֶעבֶּעךְ בַּיי דִי סִטְרָא אַחֲרָא, עֶר לִיגְט אִין דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן - אָבֶּער אוֹיבּ בֶּעט עֶר זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן", וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר לִיגְט, און אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא דֶערְפוּן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט אִיר. און עֶר הָאט זִי גִיפִירְט אִין שְׁטָאט און זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען און גִיגַאנְגֶען און זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. און דֶער רוֹצֵחַ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט זוּכְט מֶען אוֹיךְ. הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר ווידֶער בַּאהַאלְטְן. אִין אַ מִקְוֶה. און דֶער נָאךְ אִיז עֶר פוּן דָארְט אוֹיךְ אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען און אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶער אָרְט הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מִיט אִיר בּאהאלְטְן אִין אֵיין אַנְדֶער וַואסֶער און אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער וַואסֶער. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אִין דִי אַלֶע זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן וָואס דֶער בֶּערְגֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר מוּטֶער כַּנַּ"ל. וָואס דָאס זֶענֶען דִי זִיבְּן עֵדוּת כַּנַּ"ל.

### צַד הַקְּדוּשָׁה אָדֶער צַד הַטּוּמְאָה?

<<<

## חִיזּוּק ווִינְקֶל

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד; בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ מְלַמֵּד נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבֶ'ע שְׁטֶעלֶע, נִישְׁט נָאר בַּיי סְתַם מֶענְטְשְׁן אִיז אַ מְלַמֵּד אַרָאפּ גֶעקוּקְט, נָאר בַּיי דֶעם מְלַמֵּד אַלֵיינְס אִיז דָאס גַאנְצֶע מְלַמְּדוּת אַן אַרָאפְּגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. דִי מְלַמְּדִים קוּמֶען אִין חֵדֶר זַייעֶנְדִיג זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַזַא אַרְבֶּעט וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מְלַמְּדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, און אַן אַחְרַיוּתְ'דִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל אַ מְלַמֵּד קֶען אוֹיפְהֵייבְּן קִינְדֶער און זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצְן לֶעבְּן, און פַארְקֶערְט אוֹיךְ - עֶר קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד און אִים אַזוֹי אַרָאפּ קְלַאפְּן, אַז דֶער קִינְד זָאל בְּלַייבְּן אַ צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמָה אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְּדִים, און עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים פַאר מְלַמְּדִים - סֵיי זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן דָאס חָשׁוּבְ'סְטֶע אַרְבֶּעט, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֵיי זָאלְן וִויסְן וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה זַיין און זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מִיר הָאבְּן הַיינְט אִינֶעם דַף גְמָרָא (סַנְהֶדְרִין צב): "אָמַר רַב שֵׁשֶׁת כָּל הַמְלַמֵּד תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶּה, זוֹכֶה וּמְלַמְּדָהּ לָעוֹלָם הַבָּא", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר תַּלְמִידִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען בָּעוֹלָם הַבָּא, און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יא, כו): "וּבְרָכָה לְרֹאשׁ מַשְׁבִּיר", עַיֵּין שָׁם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִרִיבְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֵייגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, און אֵיין מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רִיבְנִיצֶער רֶבִּי אַז מֶען הָאט אַנְדֶעקְט בַּיי אִים אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ, און דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַ בְּרָכָה, אָבֶּער דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים. דֶער אִיד אִיז אַרוֹיס בְּפַחֵי נֶפֶשׁ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, דִי גַבָּאִים הָאבְּן זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אִיד, הָאבְּן זֵיי

<<<

מֶען זֶעט דָא אַז דֶער 'רוֹצֵחַ' - וָואס אִיז דֶער 'סַמֶ"ךְ מֶ"ם', הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט דִי בַּת קֵיסָר אִין דִי זֶעלְבֶּע זִיבְּן בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן וואו דֶער 'בֶּערְגִיר' - וָואס אִיז דֶער 'צַדִיק', הָאט זִיךְ גֶעהַאט בַּאהַאלְטְן מִיט דִי קֵיסָר'טֶע; וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען אָנְזֶען אַ חִילוּק פוּן אִינְדְרוֹיסְן צְוִוישְׁן דֶעם צַדִיק אוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, בֵּיידֶע קֶענֶען אוֹיסְקוּקְן דִי זֶעלְבֶּע.

וֶוערְט שְׁוֶוער אַ קַשְׁיָא: אוֹיבּ אַזוֹי, וֶוען מֶען וִויל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ אַ פְלַאץ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן, צִי דֶער 'מוֹרֶה דֶרֶךְ' אִיז פוּן דִי 'צַד הַקְדוּשָׁה' אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פוּן דִי 'צַד הַטוּמְאָה'? דִי קַשְׁיָא פְלֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דִי ...?" אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִין דִי מַעֲשֶׂה זֶעט מֶען זֵייעֶר קְלָאר דֶעם תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, קוּק וִוי אַזוֹי דִי קֵיסָר'טֶע הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט בִּשְׁעַת'ן זַיין מִיט'ן בֶּערְגִיר, זִי הָאט נָאר גֶערֶעדְט פוּן גוּטֶע זַאכְן, פוּן דִי מִדָה פוּן הַכָּרַת הַטוֹב, ווִידֶער דֶער רוֹצֵחַ הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר דָאס פַארְקֶערְטֶע, עֶר הָאט אִיר אָנְגֶעוָוארְנְט בַּיים לֶעבְּן זִי זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ זִי וֶועט זִיךְ וַואגְן יָא צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר אִיר דֶערְוֶוערְגְן, דָאס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן דֶעם 'צַד הַקְדוּשָׁה' אוּן דֶעם 'צַד הַטוּמְאָה'; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּ דִי קְדוּשָׁה הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ דָא?'

דָאס דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְקוּקְן וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ אַ גוּטֶער אִיד: 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ דָא בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶענְט מִיר אוֹיף מוֹיל אוּן מַאכְט מִיר אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר מַאכְט מִיר דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב? עֶר מַאכְט מִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?' אוֹיבּ יָא - דַאן אִיז עֶר פוּן דִי 'צַד הַקְדוּשָׁה', אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט - דַאן אִיז עֶר פוּן דִי 'צַד הַטוּמְאָה' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## דֶער זֶעלְבֶּער יֵצֶר הָרָע...

מֶען קֶען אַמָאל הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן מַאכְן חוֹזֶק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין לִימוּד הַתּוֹרָה אִין זֵייעֶר תַּלְמִידִים, זָאגֶענְדִיג: "דֶער זֶעלְבֶּער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר 'נִישְׁט' לֶערְנֶען - מַאכְט אִים 'יָא' לֶערְנֶען..." אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט וָואר, עֶס אִיז לִיגֶענְט, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין לִימוּד הַתּוֹרָה בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן קֶען דָאס נִישְׁט זַיין פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע. דָאס אִיז נָאר נָאךְ אַ וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אַוֶועק נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק, דֶערְפַאר פַארְדְרֵייט עֶר אִים זַיין קָאפּ: 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט קַיין צַדִיק נָאר גָאר פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?'...

## אֶפְשָׁר אִיז דֶער צֵייטוּנְג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?!

אֵיינְמָאל אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן הֶערְן אַ שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם שִׁיעוּר, אָבֶּער נָאכ'ן שִׁיעוּר אִיז עֶר מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, דֶער שִׁיעוּר הָאט זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְסוּפָּק 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס פְלַאץ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא'?...; דָאס אִיז מַמָשׁ אַ וואוּנְדֶער, אַ מֶענְטְשׁ קֶען לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, פַארְבְּרֶענֶגֶען גַאנְצֶעטֶע שָׁעוֹת אוּן טֶעג, אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן עֶס פַאלְט אִים נִישְׁט אַיין אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט בִּשְׁעַת'ן לֵיינֶען דֶעם צֵייטוּנְג: 'אֶפְשָׁר אִיז דֶער צֵייטוּנְג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?!' אַזוֹי אוֹיךְ בִּשְׁעַת'ן שְׁפִּילְן מִיט'ן טֶעלֶעפָאן: 'אֶפְשָׁר אִיז דֶער טֶעלֶעפָאן פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?!' פוּנְקְט וֶוען עֶר הֶערְט אַ שִׁיעוּר, עֶר הֶערְט דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס וֶועקְט אוֹיף זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַאן וֶוערְט עֶר אָנְגֶעפִילְט מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים 'אֶפְשָׁר אִיז דָאס פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא'... וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען מִיר מַאכְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, - אַז עֶר זָאל זַיין פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא?!

בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען מִיט אִיר אוֹיף דֶעם יַם. הָאט דֶער רוֹצֵחַ דָארְט גִיזוּכְט כָּאטְשֶׁע אַ קְלֵיין שִׁיפְל פוּן דִי וָואס חַאפְּן פִישׁ כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער. הָאט עֶר גִיפוּנֶען אַ שִׁיף. הָאט עֶר גִינוּמֶען דִי בַּת קֵיסָר. אוּן עֶר הָאט זִי נִיט גִידַארְפְט וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען אַ סָרִיס כַּנַ"ל. נָאר עֶר הָאט גִיוָואלְט זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אֵיין מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט מֶען זִי אַוֶועק חַאפְּן בַּיי אִים. אִיז עֶר גִיגַאנֶגֶען אוּן הָאט זִי אָנְגִיטָאן אִין קְלֵיידֶער פוּן אַ מַאטְרָאס. הָאט זִי אַפָּנִים גִיהַאט וִוי אַ זָכָר. אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז מִיט אִים גִיפָארְן אוֹיף דֶעם יַם

(דְהַיְינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסָר וָואס מִיר רוּפְן זִי אָן בִּלְשׁוֹן זָכָר מֵחְמַת דֶער רוֹצֵחַ הָאט זִי אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט כַּנַ"ל) אִיז גִיקוּמֶען אַ שְׁטָארֶעם ווִינְט אוּן הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגְן דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטְן אוּן דִי שִׁיף אִיז צוּ בְּרָאכְן גִיוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶעם בָּארְטְן וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דִי מִדְבָּר וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דֶער בָּחוּר הַנַ"ל.

וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען. אוּן דֶער גַזְלָן אִיז גִינִיט גִיוֶוען אִין וֶועגְן אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז הָאט עֶר גִיווּאוּסְט. אַז דָא אִיז אֵיין אָרְט פוּן מִדְבָּר. וָואס קֵיין שִׁיפְן קוּמֶען אַהֶער נִיט. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר דָא שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט גִיהַאט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר זִי גִילָאזְט. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער רוֹצֵחַ אוּן דִי בַּת קֵיסָר) דֶער אַהֶער אוּן דֶער אַהֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס עֶסְן. הָאט זִי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם גַזְלָן. אוּן דֶער גַזְלָן אִיז גִיגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג. אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן אַז זִי אִיז נִיט דָא לֶעבְּן אִים. הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אִיר. אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אוּן הָאט אִים גָארְנִיט גִיעֶנְפֶערְט. וָוארְן זִי הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. מַיין סוֹף אִיז זִיךְ עֶר וֶועט מִיר פַארְקוֹיפְן. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ אִים עֶנְפֶערְן אוֹיבּ עֶר וֶועט ווִידֶער אָנְקוּמֶען צוּ מִיר. וֶועל אִיךְ אִים עֶנְפֶערְן. אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהֶערְט.

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט...

דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד אִין לֶעבְּן וִוי אַזוֹי זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפְּ מֶען גֵייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען רֶעדְן קֶעגְן עֶלְטֶערְן וְכַדוֹמֶה, גֵיי נִישְׁט אַהִין, נָאר שְׁפֶּעטֶער זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן אֵיינֶע פוּן דִי תֵּירוּצִים: "אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז מֶען דָאס גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט", אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר.

בִּפְרַט הַרְגֶענֶען ווִיל עֶר זִיךְ מִיךְ נִיט. וָוארְן עֶר ווִיל זִיךְ מִיךְ פַארְקוֹיפְן. הָאט זִי אִים נִיט גִיעֶנְפֶערְט. אוּן זִי אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער גַזְלָן הָאט זִי גִיזוּכְט אַהִין אוּן אַהֶער אוּן עֶר הָאט זִי נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט זִי אַלֵיין נִישְׁט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. אוּן מִן הַסְתָּם הָאבְּן אִים חַיוֹת רָעוֹת אוֹיף גִיגֶעסְן.

אוּן זִי אִיז גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער וַוייטֶער. אוּן זִי הָאט זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. אוּן אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דֶער בָּחוּר הַנַ"ל (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן הַנַ"ל) אוּן זִי אִיז שׁוֹין דֶערְוַוייל פַארְוַואקְסְן גִיוָוארְן מִיט הָאר אוּן דֶערְצוּ אִיז זִי גִיוֶוען אָנְגִיטָאן וִוי אַ זָכָר אִין דִי קְלֵיידֶער פוּן אַ מַאטְרָאס כַּנַ"ל הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן תֵּיכֶף וִוי זִי אִיז גִיקוּמֶען. אִיז עֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן וָואס סֶע אִיז דָא גִיקוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִי גִיפְרֶעגְט. פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אַ סוֹחֵר אוֹיף דֶעם יַם וְכוּ'. הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִיר אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. דָארְךְ אַ סוֹחֵר. זֶענֶען זֵיי דָארְט בֵּיידֶע גִיזֶעסְן.

אוּן דֶער נָאךְ וִוי דִי בַּת קֵיסָר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארְן פוּן דֶעם קֵיסָר כַּנַ"ל. הָאט דִי קֵיסָר'טֶע זֵייעֶר גִיקְלָאגְט אוּן זִי הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגְן קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אוֹיף דֶעם וָואס אִיר טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן. אוּן זִי הָאט דֶעם קֵיסָר זֵייעֶר גִיגֶעסְן מִיט רֵייד. זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיבֶּער דַיין גַדְלוּת. הָאסְטוּ דֶעם בָּחוּר אוֹיס גִיבְּרַאכְט. אוּן הַיינְט אִיז אוּנְזֶער טָאכְטֶער פַארְלָארְן גִיוָוארְן. אוּן זִי הָאט גִיזָאגְט. זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען גָאר אוּנְזֶער מַזָל אוּן גָאר אוּנְזֶער הַצְלָחָה. הַיינְט הָאבְּן מִיר זִי פַארְלָארְן. וָואס אִיז מִיר שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן הַיינְט. אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר גִיגֶעסְן. אוּן אִים אַלֵיין אִיז זִיךְ בְּוַודַאי אוֹיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער גִיוֶוען דָאס וָואס דִי טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן דֶערְצוּ הָאט דִי קֵיסָר'טֶע אִים זֵייעֶר גִיגֶעסְן אוּן זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. אוּן סֶע גִיוָוארְן גְרוֹיסֶע קְרִיג אוּן עֶסִינִישׁ צְווִישְׁן זֵיי. אוּן זִי פְלֶעגְט אִים רֵיידְן דְבָרִים רָעִים בִּיז זִי הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. בִּיז עֶר הָאט זִי גִיהֵייסְן פַארְשִׁיקְן. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעצְט דַיָינִים אוֹיף אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיפַּסְקְ'ט אַז מֶען זָאל זִי פַארְשִׁיקְן. הָאט מֶען זִי פַארְשִׁיקְט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן עֶר הָאט נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען. הָאט עֶר דָאס אָנְגִיהַאנְגֶען אִין אַ יֶעדְנִירַאל. וַוייל דוּ הָאסְט אַזוֹי גִיטָאן דְרִיבֶּער הָאסְטוּ אָנְגִיוָוארְן דִי מִלְחָמָה. הָאט עֶר דֶעם יֶעדְנִירַאל פַארְשִׁיקְט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן הָאט ווִידֶער נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען הָאט עֶר ווִידֶער פַארְשִׁיקְט יֶעדְנִירַאלְן אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַארְשִׁיקְט כַּמָה יֶעדְנִירַאלְן.

## עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ

דָא זֶעט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דֶער קֵיסָר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען בְּרוּם הַמַּעֲלָה, אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרֶעמַאן אוּן הַיינְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן

דֶער ׳קֵיסָר׳ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳גֶט פוּן זַיין וַוייבּ, הָאט אִים אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין שְׁלֶעכְט. ווייל דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר דוּרְךְ זַיין וַוייבּ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): **"לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ"**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ, ווייל דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ קוּמְט צוּלִיבּ דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת קוּמְט פוּן דִי וַוייבּ.

## דֶער אִיז שׁוּלְדִיג, יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג

דֶער קֵיסָר הָאט יֶעדֶעס מָאל גֶעמֵיינְט ׳דֶער אִיז שׁוּלְדִיג׳, ׳יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג׳, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דִי מִלְחָמָה הָאט עֶר עֶס אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַן אַנְדֶערֶער גֶענֶעראַל אַז צוּלִיבּ אִים הָאט עֶר עֶס פַארְלוֹירְן, אַזוֹי הָאט עֶר פַארְשִׁיקְט עֶטְלִיכֶע גֶענֶעראַלְן אֵיינֶער נָאכְ׳ן צְוֵוייטְן, בִּיז דִי שְׁטָאטְס-לַייט הָאבְּן אַיינְגֶעזֶען אַז נִישְׁט דִי ׳גֶענֶעראַלְן׳ זֶענֶען דִי פְּרָאבְּלֶעם, נָאר דֶער ׳קֵיסָר׳ אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען הָאט אִים פַארְשִׁיקְט פוּן דִי מְדִינָה.

הָאט דִי מְדִינָה גִיזֶעהְן אַז עֶר טוּט ווילְדֶע זַאכְן פְרִיר הָאט עֶר פַארְשִׁיקְט דִי קֵיסֶר׳טֶע. דֶערְנָאךְ יֶעדְנִיראַלְן. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה) טָאמֶער פַארְקֶערְט. מֶען זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶער קֵיסֶר׳טִי. אוּן אִים זָאל מֶען פַארְשִׁיקְן. אוּן דִי קֵיסֶר׳טֶע זָאל פִירְן דִי מְדִינָה. הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאבְּן דֶעם קֵיסֶר פַארְשִׁיקְט. אוּן דִי קֵיסֶר׳טֶע הָאבְּן זֵיי צוּרִיק גִינוּמֶען. אוּן זִי הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה.

## עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַצְלָחָה

זֶעט מֶען דָא וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיטְ׳ן קֵיסָר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ, ווייל אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ וַוייבּ וֶוערְט אַ דוּרְכְפַאל, עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַצְלָחָה.

## דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל אַפָּאר אִינְגֶעלַייט פוּן ׳חֶבְרָה הַצָּלָה׳, אִיךְ הָאף צוּ הָאבְּן זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג חֶבְרָה הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט, כְּמִנְיָן ל"ו; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן עֶר הָאט זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג הַצָּלָה לַייט אִין יַבְנְאֵל, עֶר רוּפְט זֵיי דִי ל"ו צַדִיקִים וָואס לוֹיפְן אִין אַלֶע צַייטְן רַאטֶעוֶוען אַנְדֶערֶע מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דַארְפְן זֵיי אָבֶער וִויסְן, אֶמֶת אַז רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): **"כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל"**, דֶער וָואס רַאטֶעוֶועט אֵיין אִיד, **"מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא"**, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוִויזְן אוֹיפְ׳ן מַאן מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד: "הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע". אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פוּן גֵיין הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער קוּמֶען פַאר אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַאר הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אוּן זִיכֶער פַאר סְתָם אַרוּמְשְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים.

## דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): **"הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם"**, דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, **"צַעַר הָעִבּוּר"**, זֵיי לַיידְן בִּשְׁעַתְ׳ן טְרָאגְן, **"וְהַלֵּדָה"**, נָאכְדֶעם דִי צַעַר פוּן גֶעבּוֹירְן, **"וְהַגִּדּוּל"**, אוּן צַעַר פוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, **"כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם"**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאר יֶעדְן בַּאקַאנְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי זַאכְן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג) עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן רֶבִּי"ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה"**, דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## עֶר אִיז שׁוֹין זַאט

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי יְסוֹד פוּן קְדוּשָׁה, ווייל וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - דֶעמָאלְט הֶערְשְׁט אַ הֵיילִיגְקֵייט, מֶען הָאט אַ רֵיינֶע מֹחַ - מַחֲשָׁבָה, מֶען זוּכְט נִישְׁט פְרֶעמְדֶע זַאכְן, מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן.

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן הָאט זִיךְ גוּט אָנְגֶעזֶעטִיגְט - קֶענְסְט אִים בְּרֶענְגֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן בַּא׳טַעֲמְ׳סְטֶע עֶסְן, אָבֶער עֶר קֶען עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְקוּקְן, ווייל עֶר אִיז שׁוֹין זַאט, וִוידֶער אֵיינֶער וָואס אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן זֶעט עֶסְן, טוּט אִים דָאס עֶסְן שְׁטֶעכְן אִין דִי אוֹיגְן, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן דִי עֶסְן ׳הַלְוַאי זָאל אִיךְ עֶס קֶענֶען נֶעמֶען פַאר מִיר׳; אַזוֹי אִיז עֶס וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד אוּן לֶעבְּט מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם - דֶער קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע, עֶר אִיז זַאט מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, וִוידֶער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט זַיין וַוייבּ, דֶער אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט זַאט - דֶערִיבֶּער זוּכְט עֶר אוּן טְרַאכְט נָאר פוּן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, ווייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּהִיטְן פוּן נִסְיוֹנוֹת.

## שְׁפִּירְן אִין שְׁטוּבּ אַ טַעַם גַן עֵדֶן

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו [עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט דִי וָואךְ (פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים) אִינֶעם קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע אִינְהַאלְט פוּן זַיין שְׁאֵלָה וְכוּ׳], בְּתוֹךְ הַדְבָרִים שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי: "אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע אוּן ווּאוֹילֶע וַוייבּ, אָבֶער מִיר קוּמֶען פוּן פְרוּמֶע מִשְׁפָּחוֹת, זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צְנִיעוּת׳דִיג ... אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אַז אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, עֶס צִיט מִיר צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס אִיז דִי עֵצָה אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן צוּפְרִידְן פוּן אִיר אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין גְלִיקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן?" וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן דֶערוֹיף? אִיךְ הָאבּ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין טוּמְאָה, אִיךְ הָאבּ מַפְקִיר גֶעוֶוען מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן; דָאס מַאכְט אִיךְ זָאל נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פוּן קוּקְן אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ, עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכֵחָה** (דְבָרִים כח, לד): **"וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", אִיךְ הָאבּ אַ ווּאוֹילֶע וַוייבּ, אָבֶער דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פַארְדְרֵייְדְט אַז אִיךְ טְרַאכְט נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ גֶטְ׳ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; הֶעלְף מִיר טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ וִויל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ וֶועל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ וִויל אַלְץ אַרוֹיסְלוֹיפְן, אִיךְ זוּךְ אַלְץ גְלִיקְן, אִיךְ רֶעד זִיךְ אֵיין אַז עֶפֶּעס גְלִיק אִיז דָא אִינְדְרוֹיסְן"**; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אִין שְׁטוּבּ אַ טַעַם גַן עֵדֶן, מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן עֶס זָאל מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי גַאס.

## אוֹיסְקוּמֶען מִיט חֲבֵרִים

אוֹיךְ וִויל אִיךְ מְחַזֵק זַיין דֶער עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דָאס בִּיסְל צַייט וָואס דֶער שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט זֶע אִיךְ אַז וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אִיז פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הִיבְּשׁ שְׁוֶוער; פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן מִיר אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דִי לֶעבְּן פוּן רֶבִּי"ן, דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל זֶענֶען עֶפֶּעס וָואס מֶען הָאט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, מִיט שְׁכֵנִים, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן? וֶוען וֶועל אִיךְ קֶענֶען דֶערְלַיידְן אַ צְוֵוייטְן? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד?"** - קֶען מֶען וֶוערְן גוּט אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן.

## אַלֶע זֶענֶען אֵיין מִשְׁפָּחָה

וֶוען מֶען וואוינְט נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען הָאט צוטוּן מִיט שְׁכֵנִים - טְרַאכְט מֶען: 'דִי סָארְט חֲסִידִים זֶענֶען נִישְׁט גוּט, דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל', אָבֶער וֶוען אַלֶע זֶענֶען אֵיין מִשְׁפָּחָה, אַלֶע זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן עֶסְן אוֹיף דִי פְּלַאץ, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'וָואס אִיז מִיט מִיר אַלֵיינְס? וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען לַיידְן אַנְדֶערֶע? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן?' - גִיסְט מֶען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַנְדֶערֶע, אָדֶער אוֹיף דִי פְּלַאץ.

## מֵילָא דַיין וַוייבּ אָבֶער וָואס אִיז מִיט דִיר?!

דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ (רַבָּא, פָּרָשָׁה ו, סִימָן יא) אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (בַּמִדְבָּר יב, א): וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן בְּמֹשֶׁה וגו', מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אַ שְׁלַאנְג וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן וֶוער עֶס אִיז דָארְט אַרִיבֶּער הָאט דָאס שְׁלַאנְג אִים גֶעבִּיסְן, אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ שְׁלַאנְג, אַ 'דַרְכּוֹן' - וָואס בַּייסְט נִישְׁט, אוּן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן דֶעם שְׁלַאנְג, אִיז גֶעקוּמֶען אַ מְכַשֵׁף אוּן גֶעזֶען דִי צְוֵויי שְׁלֶענְג זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער שְׁלַאנְג אִיז דָאךְ זַיין סֵדֶר צוּ בַּייסְן, וואוּנְדֶערְט מִיר פַארְוָואס הָאט דֶער דַרְכּוֹן - וָואס זַיין סֵדֶר אִיז נִישְׁט צוּ בַּייסְן - זִיךְ בַּאהָאפְטְן מִיט דֶעם שְׁלַאנְג?!" אַזוֹי הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "**וַתְּדַבֵּר מִרְיָם**" - דָאס פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נָאךְ אַז 'מִרְיָם' הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף מִיר, דָאךְ אִיז דִי טֶבַע פוּן פְרוֹיעֶן, זֵיי זֶענֶען 'דַבְּרָנִיוֹת', זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ, אָבֶער: "**וְאַהֲרֹן??!**" - וָואס גֵייט פָּאר מִיט 'אַהֲרֹן', פַארְוָואס הָאט עֶר גֶערֶעדְט קֶעגְן מִיר?!

נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם,), וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן חַוָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט פוּן וואוּ עֶס אִיז גוּט אִיר צוּ בַּאשַׁאפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן דִי אוֹיגְן פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶועט זִי זַיין אַ שְׁטִיק אוֹיג, זִי וֶועט נָאר וֶועלְן קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם אוּן גְלִיסְטְן וָואס יֶענֶער הָאט; אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן דִי אוֹיעֶרְן פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶועט זִי זַיין אַ שְׁטִיק אוֹיעֶר, זִי וֶועט נָאר וֶועלְן אַלֶעס הֶערְן; אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מוֹיל פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶועט זִי זַיין אַ שְׁטִיק מוֹיל, זִי וֶועט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן; אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן דִי הֶענְט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶועט זִי זַיין אַ שְׁטִיק הַאנְט, זִי וֶועט גַנְבְ'עֶנֶען; אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן דִי פִּיס פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶועט זִי זַיין אַ שְׁטִיק פִּיס, זִי וֶועט אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּמְלוֹיפְן, דֶערְפַאר וֶועל אִיךְ אִיר בַּאשַׁאפְן פוּן אַ אֵבֶר הַצָּנוּעַ, פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ", פִירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס: "וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא הוֹעִיל כְּלוּם", אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דָאס אַלֶעס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, "וְכָל מַה שֶׁנִּתְכַּוֵּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא יְהֵא בָּהּ כֻּלְּהוֹן הֵן בִּכְשֵׁרוֹת", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִי פְרוֹיעֶן אִיז יָא גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי, אֲפִילוּ בַּיי דִי עֶרְלִיכֶע.

## פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּרוֹגֶז?!

דָאס אִיז אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן, מֵילָא דַיין וַוייבּ אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן שָׁכֵן - אִיז אֵיין זַאךְ, אַ פְרוֹי הָאט דִי טֶבַע פוּן רֶעדְן וְכוּ', אָבֶער וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּרוֹגֶז אַז דַיין שָׁכֵן הָאט גֶעלֵייגְט דִי מִיסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט?! פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּרוֹגֶז וֶוען דַיין שָׁכֵן הָאט גֶעטְרֶעטְן אוֹיף דַיינֶע גְרָאז?! וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר?! פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט דֶערְלַיידְן אַנְדֶערֶע?!

אַז דִי פְרוֹי הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן שָׁכֵן, דַארְף מֶען אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן; עֶס קֶען אִין אֵיין מִינוּט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ פֵייעֶר, אַ גַאנְצֶע פָּאלִיטִיק, אִין שְׁטֶעטְל, אֵיין פְרוֹי רֶעדְט זִיךְ נָאר אוֹיס צוּ אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי אִיבֶּער אִיר שָׁכֵן, אוּן עֶס פְלַאקֶערְט שׁוֹין אַ פֵייעֶר פוּן מַחֲלֹקֶת, דֶערְפַאר דַארְף דֶער מַאן זֶען אָנְצוּהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף דָאס וִויסְן, אַ פְרוֹי וֶוערְט שְׁנֶעל וֵויי גֶעטוּן וֶוען אִיר שָׁכֵנְ'טֶע זָאגְט אִיר עֶפֶּעס, דַארְף דֶער מַאן זֶען צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אִיר בַּארוּאִיגְן אַז זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעמֵיינְט.

## דַיין קִינְד הָאט גֶעבִּיסְן אוּנְזֶער בֶּעבִּי

אִיךְ וֵוייס גוּט וִויאַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט מִיט גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן אַסַאךְ סָארְט שְׁכֵנִים; מִיר וואוֹינֶען אִין אַ בִּנְיָן מִיט קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג מִשְׁפָּחוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁכֵנִים, וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶער קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלָאזְט הָאבְּן אוּנְזֶער וֶועג, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּה. נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס אִיךְ פְלֶעג טְרֶעפְן מַיין וַוייבּ וֵויינֶען אִין שְׁטוּבּ, יֶעדְן טָאג מִיט אַ אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, הַיינְט הָאט אִיר דִי שָׁכֵנְ'טֶע גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מַאמֶע וַוייל זִי לָאזְט דִי קִינְדֶער עֶסְן נַאשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, נֶעכְטְן הָאט אִיר אַ שָׁכֵנְ'טֶע פָּארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זִי מַאכְט נָאכְנִישְׁט פֶּסַח'דִיג, דִי שָׁכֵנְ'טֶע טַעֲנָה'עֶט: "בִּיסְט נַאט נָארְמַאל", אַ דְרִיטֶע שָׁכֵנְ'טֶע הֶערְט נִישְׁט אוֹיף סֶעקִירְן: "פַארְוָואס קוֹיפְסְטוּ נִישְׁט דִי קְלֵייד וְכוּ' פַאר דַיינֶע קִינְדֶער?!" פָארִיגֶע וָואךְ הָאט אַ שָׁכֵנְ'טֶע אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט מִיט אֵיין בֶּהָלָה אַז אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבִּיסְן אִיר קִינְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן אִיר טוּט גָארְנִישְׁט?" אֵיי דַיין קִינְד הָאט פָארִיגֶע וָואךְ גֶעבִּיסְן אוּנְזֶער בֶּעבִּי; וָואס ווִילְסְטוּ? וָואס שְׁרֵייסְטוּ? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער וְכוּ'?! אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים אוּן אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים.

## פּוּנְקְט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט אִיר בֶּעזֶעם...

מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן בִּיכֶער פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן שְׁכֵנִים, אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ שְׁכֵנָה וָואס הָאט אַלְץ גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, זִי הָאט גֶעוָואלְט ווִיסְן וֶוער עֶס קוּמְט, וֶוער עֶס גֵייט וְכוּ', זִי הָאט גֶעהַאלְטְן אִיר בֶּעזֶעם אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט קְלַאפְּן אוֹיף מַיין שְׁטוּבּ, הָאט זִי פּוּנְקְט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט אִיר בֶּעזֶעם... אַזוֹי פְלֶעגְט זִי אַרַיינְקוּקְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס טוּט זִיךְ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מַיין וַוייבּ הָאט עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט דֶערְטְרָאגְן, 'וָואס ווִיל דִי שְׁכֵנָה פוּן אוּנְז?! וָואס מִישְׁט זִיךְ זִיךְ אַרַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן?!' אַזוֹי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט יֶעדְן שָׁכֵן וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן; אָבֶער דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, דִי אוֹיגְן פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אוּנְז יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

אָנְגֶעפַאנְגֶען מוּטְשֶׁען דֶעם צַדִּיק עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר דֶעם אִיד, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, דֶער אִיד אִיז אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר", הָאט דֶער צַדִּיק זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַארְן צַדִּיק: "יָא, עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה". דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען נָאךְ לוֹיפְן דֶעם אִיד, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: "אִיר זֶענְט אַ מְלַמֵּד שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא", פְרֶעגְט אִים דֶער צַדִּיק: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט, וֶועסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא; אִיךְ זָאג צוּ, אוֹיבּ אִיךְ וֶוער גֶעזוּנְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק אִין חֵדֶר פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר", הֶערְנְדִיג דָאס הָאט אִים דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אָבֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי קִינְדֶער. גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען קַיין שׁוּם קִינְד, בִּפְרָט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלַל טְשֶׁעפֶּעט מֶען זֵיי אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי - וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט פָארְהַאלְטְן וְכוּ', זֵיי דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג אָן אַ שִׁיעוּר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)